LIVING TORAH

# פרשת תצא

## משיחת יו"ד אלול ה'תשמ"ח

– לילדי מחנות קיץ שיחיו –

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

די פרשה הויבט זיך אָן "כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך", און ווי שוין גערעדט אין דעם אַז דאָס האָט אַ ספּעציעלע אָפּלערנונג פאַר אידישע קינדער, וואָס זיי געהערן דאָך יעדערער פון זיי און אַלע פון זיי אין צבאות ה',

איז דאָך פארשטאנדיק, ווי יעדער ארמיי, אין וואָס באַשטייט זייער לעבן און אין וואָס באַשטייט זייער שליחות? אַז "כי תצא למלחמה על אויביך":

אַז דאָס איז אַ זיכערע זאך אַז אין וואָס באַשטייט זיין לעבן, מלחמה האָבן מיט "אויביך", מיטן יצר; נאָר וואָס דען? דער פסוק לערנט אויך וואָס וועט דעמאָלט פאָרקומען, און ווי אַזוי מ'דאַרף זיך דעמאָלט אויפפירן.

וואָס בקיצור, און אויך אין אַ קלאָרן אופן, זאָגט דער פסוק גלייך אין אָנהויבס פון דער סדרה, אַז בשעת יעדערער פון אַייך, בתוך כלל ישראל – אפילו אַלס א יחיד, וואָס דאָס איז דאָך "תצא" לשון יחיד, דאַרף מען וויסן זיין, אַז ס'הויבט זיך אָן דערמיט וואָס מ'איז "על אויביך",

דאָס איז ניט מ'האָט מלחמה מיט איינעם וואָס האָט חס ושלום די זעלבע כוחות פון אַ אידישען קינד אָדער פון א אידן בכלל, דאָס איז אוממעגליך וויבאַלד אַז יעדער אידיש קינד, און יעדער איד בכלל, הויבט דאָך אָן דעם טאָג און זאָגט "נשמה שנתת בי טהורה היא", און נאָך פאַר דעם "מודה אני לפניך שהחזרת בי נשמתי",

איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז די אַלע וואָס ווילן זיך שטעלן אַנטקעגן אים, איז אינגנאַצן ניט צו פארגלייכן זייער כח און זייערע מעגלעכקייטן צו די מעגלעכקייטן פון אַ אידן, וואָס האָט ערשט איצט פון דאָס-ניי באַקומען היינט אין דערפרי דורך דעם אויבערשטן אַליין א נייע נשמה,

איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז ער הויבט אָן די מלחמה אין אַן אופן אַז ער איז "על אויביך" – אַ סך העכער פון אויבן.

און וואָס נאָכמערער: אַז בשעת ער טוט זיין שליחות, און גייט אַרויס אין דער מלחמה, דורך דעם וואָס ער מאַכט ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס אַז ער וועט אים ניט הערן כלל וכלל ניט – דעם יצר – און נאָכמערער, אַז ער וועט אים אינגאַנצן אַרויסטרייבן פון זיין צימער און פון זיין דירה און פון יעדען אָרט אין וועלכע דער קינד אָדער דער ערוואַקסענע האָט א בעל הבית'ישקייט,

איז אָט דעמאָלט אין צוגאָב וואָס ער איז מצליח אין זיין טאָן און אין זיין השתדלות, קומט נאָך צו "ונתנו ה' אלקיך" – אַז דער אויבערשטער נעמט אליין איינטייל, און העלפט אים אַרויס "הקב"ה



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצא

עוזרו", און נעמט אַליין "ונתנו" — דער "ה' אלקיך" — גיט ער אים אָפּ "בידך" אין אַן אופן אַז ער האָט אינגאַנצן קיין שליטה ניט, קיין דעה ניט פאַר זיך,

נאָר וואָס נוצט אים אויס אַ אידישער קינד און אַ איד בכלל? באַווייזן אים אַז ער האָט אין זיך אָט-די שטאַרקייט, און ער באַווייזט זיינע כחות, און שרעקט זיך ניט אָן פאר קיין זאַך ניט, און דער יצר איז אינגאַנצן אין זיין האַנט, אין אַזאַ אופן אַז דאָס וואָס איז דאָ אַ זאַך וואָס דער יצר וויל — ווייסט ער גלייך דערפון אַז דאָס וויל דער יצר, איז דאָס גופא — וויבאַלד אַז ער איז "בידך", איז אַ זיכערע זאַך אַז דער יצר פירט קיין זאַך ניט אויס,

ואדרבה: ער שטייט פון דער זייט און מישט זיך ניט אינגאַנצן, און נאָכמערער — ער לאָזט ניט-צו זאַכן אין וועלכע ער קען אפשר האָבן אין זיי עפעס וואָס א דיעה, דורך דערויף וואָס ער וועט אים באַווייזן אַ זייער אַ טייערע זאַך און זייער אַ זיסע זאך וואָס געהערט אָבער צו אַ צווייטען קינד אדער צו אַ צווייטען אידן, ער וועט אים גלייך אָנשרעקן דער יצר אליין — ער זאָל וויסן זיין אַז דאָס איז אַ זאַך צו וועלכע ער טאָר זיך ניט צורירן,

ואדרבה, ער דאַרף נאָך אַרויסהעלפן דעם צווייטען קינד אָדער אַן ערוואַקסענע צום צווייטען ערוואַקסענע, ער זאָל האָבן — בדרכי נועם ובדרכי שלום — די אַלע זאכן וואָס געהערן צו אים, און קאָנען זיי אויסנוצן ווי ער וויל — ניט נאָר ער וועט אים ניט שטערן אין דעם, חס ושלום ניט צונעמען דאָס פון אים, ער וועט אים נאָך אַרויסהעלפן ער זאָל קענען טאָן אַלע גוטע זאכן, בדוגמא ווי איר טוט זיכער גוטע זאַכן מיט די אַלע זאַכן וועלכע ס'געהערן צו אַייך, ווי מ'וועט אויך שפּעטער דערמאָנען בהנוגע צו צדקה, ווי כרגיל אין אַזאַ צוזאַמענטערעפען-זיך.

אַז ס'גייט דורך און מ'קומט צום שיעור פון היינטיקן טאָג — פון רביעי, זאָגט מען גלייך אויך אַז "כי תצא" איז גייט מען שוין אַרויס אין דער מלחמה אַלס א "מחנה על אויביך", וואָרום מ'האט זיך שוין צוזאַמענגערעדט צווישן זיך "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק",

און ס'ווערט צוזאַמען אַ גאַנצע מחנה, במילא איז דעמאָלט פאַרשטאַנדיק אַז דער נצחון איז נאָך א שנעלערער, און נאָך א לייכטערער, און נאָכמער בשלימות,

ביז וואַנענט אַז עם קומט אויך דערנאָך אַז דער אויבערשטער איז "מתהלך" — ווי מ'זאָגט גלייך אין דעם המשך פון דעם שיעור — "בקרב מחניך", ניט נאָר אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט יעדערען פון אַייך און פון אונז, נאָר ער גייט אַרום ממש צווישן אונז און העלפט יעדערן אַרויס און זיצט מיט יעדערן אויף זיין "בענטש", און גייט מיט יעדערען אין זיינע ענינים וואָס זיכער טוט ער דאָך אַלע גוטע ענינים ווי מ'זאָגט אין קריאת שמע "בלכתך בדרך ובשכבך ובקומך",



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.